# דְּרָשׁוֹת תְּקִיעַת שׁוֹפָר

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

בִּשְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן אִין עִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א

בעזרת השב יתברך

## דְּרָשַׁת תְּקִיעַת שׁוֹפָר יוֹם א' דְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, בְּעִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בִּימָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט גְּרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת:

דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אִין מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה (דַּף טז): "אָמַר רַבִּי יִצְחָק, לָמָּה תּוֹקְעִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", פַאְרְוָואס בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה? פְרֶעגְט דִּי גְּמָרָא: "לָמָּה תּוֹקְעִין?! רַחֲמָנָא אָמַר תִּקְעוּ!" וָואס הֵייסְט פַארְוָואס מֶען בְּלָאזְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעהֵייסְן בְּלָאזְן! זָאגְט דִּי גְּמָרָא: "אֶלָּא, לָמָּה מְרִיעִין", דִּי קַשְׁיָא אִיז, פַארְוָואס בְּלָאזְט מֶען אַ תְּרוּעָה? פְרֶעגְט דִּי גְּמָרָא וַוייטֶער: "מְרִיעִין?! רַחֲמָנָא אָמַר זִכְרוֹן תְּרוּעָה!" וָואס הֵייסְט פַארְוָואס מֶען בְּלָאזְט אַ תְּרוּעָה? דִּי תּוֹרָה זָאגְט דָאךְ (וַיִּקְרָא כג, כד): 'זִכְרוֹן תְּרוּעָה'! - פִּירְט דִּי גְּמָרָא אוֹיס רֶבִּי יִצְחָקְ'ס קַשְׁיָא: "אֶלָּא לָמָּה תּוֹקְעִין וּמְרִיעִין כְּשֶׁהֵן יוֹשְׁבִין וְתוֹקְעִין וּמְרִיעִין כְּשֶׁהֵן עוֹמְדִין?" פַארְוָואס בְּלָאזְט מֶען סַיי וֶוען מֶען זִיצְט, - פַאר תְּפִלַּת מוּסָף, אוּן סַיי וֶוען מֶען שְׁטֵייט, - בַּיי דִּי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף, עֶנְטְפֶערְט דִּי גְּמָרָא: "כְּדֵי לְעַרְבֵּב הַשָּׂטָן", צוּ פַארְמִישְׁן דֶעם שָׂטָן.

אִיז רַשִׁ"י מַסְבִּיר: "שֶׁלֹּא יַשְׂטִין, כְּשֶׁיִּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל מְחַבְּבִין אֶת הַמִּצְוֹת מִסְתַּתְּמִין דְּבָרָיו", וֶוען דֶער שָׂטָן זֶעט אַז דִּי אִידְן הָאבְּן לִיבּ מִצְוֹת, זֵיי בְּלָאזְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַפִילוּ זֵיי זֶענֶען נָאר מְחוּיָּב צוּ בְּלָאזְן אֵיינְמָאל, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְמִישְׁט אוּן עֶר קֶען מֶער נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִּי אִידְן.

### מֶען בְּלָאזְט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן!

מֶען זֶעט אִין דִּי גְּמָרָא וָואס דִּי כַּוָּונָה פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר אִיז; מֶען נֶעמְט דֶעם שׁוֹפָר אִין הַאנְט אוּן מֶען בְּלָאזְט וַוייל 'רַחֲמָנָא אָמַר תִּקְעוּ' - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! מֶען טוּט דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין טַעֲמִים אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטֵיין, נָאר מִיט דִּי פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה, אוּן בִּזְכוּת דִּי אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, חֵלֶק א', סִימָן לג): "עַל-יְדֵי אֱמוּנָה הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", בִּזְכוּת דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

### מֶען קֶען יֶעצְט פּוֹעֵלְ'ן גְּרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת!

בִּשְׁעַת מֶען גֵייט בְּלָאזְן שׁוֹפָר אִיז אַ מוֹרָאְ'דִיגֶע עֵת רָצוֹן, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק עַל כִּסֵּא רַחֲמִים, אַלֶע מְקַטְרְגִים אַנְטְלוֹיפְן, זֵיי הָאבְּן מֶער נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶעגְן דִּי אִידְן.

מֶען קֶען יֶעצְט פּוּעֶל'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן, גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דִי מִינוּטְ'ן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶער זָאל בֶּעטְן זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף. מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אֵיין קְלֵיין וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט אֵיין קְלֵיינֶע תְּפִלָּה קֶען מֶען אַרָאפּ נֶעמֶען גְרוֹיסֶע גְזֵירוֹת.

### מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דִי גְזֵרַת הַחִינוּךְ

אִין אַמֶערִיקָא הַאלְטְן מִיר פַאר אַ גְזֵירָה וָואס דִי רֶעגִירוּנְג ווִיל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן צֶעשְׁטֶערְן דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. דַארְף מֶען יֶעצְט - בִּשְׁעַת מֶען גֵייט בְּלָאזְן שׁוֹפָר - בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

### דֶער שׁוֹפָר וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ נָאכְזָאגְן בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים כט, יז): "פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה ר'אשׁ וְ'לַעֲנָה", אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שׁוֹפָ"ר; לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז רַשִׁ"י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שׁוֹרֶשׁ פּוֹרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה? "שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"; דָאס הֵייסְט אַז וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְן קַיין שׁוּם שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זָאל אָנְהֵייבְן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

בִּפְרַט דָא אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' זָאל מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אוּן צוּ וָואס דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אַחְדוּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען גֵיין ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ קֶענֶען לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ לִיבּ הָאבְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט מִיט דֶעם וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען (שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה): "בְּסֵפֶר חַיִּים, בְּרָכָה וְשָׁלוֹם, וּפַרְנָסָה טוֹבָה וּגְזֵרוֹת טוֹבוֹת, יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת, נִזָּכֵר וְנִכָּתֵב לְפָנֶיךָ", מֶען בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה טוֹבָה, גְזֵירוֹת טוֹבוֹת, יְשׁוּעוֹת אוּן נֶחָמוֹת", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר בִּתְנַאי: "אֲנַחְנוּ וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם", אַז דוּ בֶּעטְסְט פַאר דִיר אוּן אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטֶער אִיד.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוֹיסְרוּפְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר: "אִיךְ בֶּעט מִיר זָאלְן הָאבְן אַ רֵיינֶע ד' אַמוֹת וָואס מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן זָאל עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ!" לָאמִיר אַרוֹיס נֶעמֶען דִי שִׂנְאָה פוּן אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער! לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן! לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, בִּזְכוּת דֶעם וֶועט מֶען שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת.

### צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת קֶען מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת רֵישׁ עִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וְעַיֵּין בְּמָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקפד, סְעִיף קָטָן ב) אַז אֲפִילוּ עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה דַף קפו) אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה זַיין כְּדֵי דִי מְקַטְרְגִים זָאלְן נִישְׁט הֶערְן דִי עֲבֵירוֹת, אָבֶּער צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת קֶען מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז

נִישְׁט דָא קַיין מְקַטְרְגִים, אַלֶע מְקַטְרְגִים פַאלְן אַוֶועק בִּשְׁעַת מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר.

**וֶוער** רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען קֶען גֶעבְּן אַפָּאר הֵייסֶע טְרֶערְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, קֶען נָאר וֶוערְן אָפְּגֶעוַואשְׁן אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה, מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען לָאזְט דֶערְבֵּיי טְרֶערְן, מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מֶען** דַארְף טַעֲנָה'ן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרָע? עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן!" אַז מֶען טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֱמֶת'עֶ וֶוערְטֶער וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַאַרְץ, אוּן מֶען לָאזְט דֶערְבֵּיי הֵייסֶע טְרֶערְן, וֶוערְט דִי עֲבֵירָה אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעוַואשְׁן.

בֶּעטְן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער

**לָאמִיר** אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, שִׁידוּכִים, נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֵיידֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, מֶען דַארְף יֶעצְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת דִי תְּקִיעוֹת אַז אוּנְז אוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן אַלֶע זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן רֶבִּי'ן צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיט אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט, יֶעדֶער אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע יָאר, אָמֵן.

## דְּרָשַׁת תְּקִיעַת שׁוֹפָר יוֹם ב׳ דְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, בְּעִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּמַאן יע״א.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בִּימָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת:

**מוֹרַי** וְרַבּוֹתַי! מִיר גֵייעֶן יֶעצְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, דַף צח:): בִּשְׁעַת אִידִישֶׁע קִינְדֶער נֶעמֶען דֶעם שׁוֹפָר אִין דִי הַאנְט אוּן זֵיי בְּלָאזְן דִי תְּקִיעוֹת, שְׁטֶעלְט זִיךְ כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף פוּן זַיין כִּסֵּא הַדִּין אוּן זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוֹיפְ'ן כִּסֵּא רַחֲמִים, אַלֶע מְקַטְרְגִים וָואס פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן.

**יֶעצְט** אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, לָאמִיר נִישְׁט פַארְפַאסְן דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן, לָאמִיר עֶס אוֹיסְנִיצְן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוּן אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּט יָאר.

טַאטֶע! טַאטֶע!

**עֶס** שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַ מָשָׁל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד, זֶענֶען גֶעקוּמֶען רוֹיבֶּערְ'ס אוּן פַארְכַאפְּט דֶעם בֵּן יָחִיד. אֵיין טָאג אִין יָאר פְלֶעגְט דֶער קֶענִיג שְׁפַּאצִירְן אַרוּם דִי שְׁטָאט גֵיין כַאפְּן חַיוֹת, פּוּנְקְט דֶעמָאלְט הָאט דֶער קִינְד גֶעזֶען זַיין טַאטֶע פוּן דֶערְוַוייטְנְס הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: "טַאטֶע! טַאטֶע!" דִי רוֹיבֶּערְ'ס הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן דֶער קִינְד אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין טַאטֶע'ן.

**זָאגְן** דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרָאפּ צוּ אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ צְוִוישְׁן אוּנְז, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ גֶעפַאלְן, עֶר טוּט אַ גַאנְץ יָאר שְׁלֶעכְטֶע

זַאכְן, אוֹיבּ וֶועט עֶר גֶעבְּן אַ שְׂרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין אֶמֶת'עֶ וָוארְט: "טַאטֶע! טַאטֶע! טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד! טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ! טַאטֶע אִיךְ וִויל דַאוֶונֶען! טַאטֶע אִיךְ וִויל לֶערְנֶען! טַאטֶע אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת!" אַנְטְלוֹיפְן אַלֶע רוֹיבֶּער'ס, אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס הָאבְּן אִים פַאְרְכַאפְּט, עֶר קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֶר, אוֹיף אוּנְזֶער פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ, אַז דַיין שְׁפְּרַאךְ אִיז אִידִישׁ – רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אַז דַיין שְׁפְּרַאךְ אִיז עֶנְגְלִישׁ – רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, אַזוֹי רֶעדְט יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע, אִיךְ וִויל זַיין גוּט! טַאטֶע, אִיךְ גֵיי זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד! טַאטֶע, עֶס קוּמְט אַ נַייעֶ יָאר אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל!"

## זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן!

מִיר וֶועלְן נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן וָואס מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶערֶעדְט פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר, וָואס מִיר הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט בֶּעטְן פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר מֶען זָאל זִיךְ מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן! מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מֶען זָאל זַיין בְּאַחְדוּת, מִיר זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע הָאט אַסַאךְ צַעַר וֶוען עֶר זֶעט וִוי זַיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַסַאךְ צַעַר וֶוען עֶר זֶעט וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן. יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן זַיין הִתְחַזְקוּת, זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן.

לָאמִיר זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן לָאמִיר זִיךְ מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּם נַייעֶם יָאר אַז מִיר גֵייעֶן נִישְׁט הֶערְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען גֵייט נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען גֵייט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, מֶען גֵייט זוּכְן וואוּ מֶען קֶען טוּן גוּטֶע זַאכְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, וואוּ מֶען קֶען גֶעבְּן חִיזוּק, אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל, אַ חֶסֶד פַאר אַ צְוֵוייטְן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן חֶסֶד מִיט אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים. אַז מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ טוּן חֶסֶד מִיט אוּנְז, אוּן אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּטֶע יָאר אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען נִישְׁט רָאוּי.

לָאמִיר אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, דָאס בִּיסְל צַייט וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ בַּיים רֶבִּי'ן, לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען מִיר גֵייעֶן פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין, זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל זַיין גוּט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּטֶע יָאר, אָמֵן.

כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

התודה והברכה
לידידינו היקר
**מו"ה עמרם**
**רייכמאן הי"ו**
שנדב סכום הגון לכולל


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעקטיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876